14 כדי די ברכה פון אברהמען זאָל קומען צו די פעלקער
אין ישוע המשיחן; כדי מיר זאָלן באַקומען די
הבטחה פון דעם גייסט דורך דער אמונה·
15 ברידער, איך רעד (פשוט) ווי אַ מענטש: אַפילו
אַ מענטשנס באַשטעטיקטע צוואה איז קיינער נישט
16 מבטל אָדער זעצט (עפּעס) צו (דערצו)· און צו
אברהמען זענען געזאָגט געוואָרן די הבטחות און
צו זיין זאָמען· ער זאָגט נישט: און צו זאָמענס,
ווי וועגן אַ סך; נאָר ווי אויף אַ יחיד: און צו דיין
17 זאָמען, וועלכער איז דער משיח· איך זאָג אָבער
דאָס דאָזיקע: אַ בונד (ברית), פאָרויס־באַשטעטיקט
פון ג־ט, קען די תורה, וועלכע איז געקומען פיר
הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער, נישט אָפּשאַפן,
18 אַז די הבטחה זאָל בטל ווערן· וואָרום אויב די
ירושה איז דורך דער תורה, איז זי מער נישט
דורך דער הבטחה; ג־ט אָבער האָט זי אברהמען
19 געשענקט דורך אַ הבטחה· וואָס זשע איז די
תורה? זי איז צוגעלייגט געוואָרן צוליב די זינד,
ביז דער זאָמען וועט קומען, אויף וועמען די הבטחה
באַציט זיך; זי (די תורה) איז פאַראָרדנט געוואָרן
דורך מלאכים אין דער האַנט פון אַ פאַרמיטלער·
20 דער פאַרמיטלער אָבער איז נישט פון איינעם;
21 ג־ט אָבער איז איינער· צי איז דען דעריבער די
תורה קעגן די הבטחות פון ג־ט? חס ושלום! וואָרום
וואָלט אַ תורה געגעבן געוואָרן, וועלכע וואָלט
געווען בכח לעבעדיק צו מאַכן, וואָלט באמת די
22 גערעכטיקייט געווען מן התורה· דער פסוק האָט
אָבער אַלעמען איינגעשלאָסן אונטער דער זינד,
כדי די הבטחה דורך אמונה אין ישוע המשיחן זאָל
געגעבן ווערן צו די, וועלכע גלייבן· (תהלים יד, א־ג·)
23 פריער אָבער, איידער די אמונה איז געקומען,